# סצענע 1 ב'
# Escena 1 B

## רייזל וויל אַ חתן
## Reizl quiere novio

מענדל - מאַמע, פֿאַר וואָס ווײנט מײַן שוועסטער ?
גאָלדע - אוי, אוי, דײַן שוועסטער ווײנט ווײַל זי איז אומעטיק.
יאָסל - אומעטיק ? נישט צופֿרידן ? פֿאַר וואָס ? זי איז אַזוי שיין...
מענדל - שיין ??? כאַ- כאַ -כאַ !!! טאַטע, דאָס איז שיין ???
גאָלדע - קינדער, קינדער ! שאַ., שאַ, מענדעלע... דײַן שוועסטער איז נישט צופֿרידן. זי איז זייער אומעטיק.
מענדל - מאַמע: מײַן שוועסטער ווײנט ווײַל זי איז אומעטיק. און איך וויל עסן ווײַל איך בין הונגעריק.
רייזל - מענדל, איך וויל נישט עסן. איך בין אומעטיק.
יאָסל - פֿאַר וואָס ביסטו אומעטיק, מײַן שיינע טאָכטער ?
מענדל - נו !!! טאַטע, מאַמע, איך וויל עסן ! ... איך בין הונגעריק.
גאָלדע - קומט, קומט עסן.
יאָסל - עסן ??? אָבער דאָס מיידל איז נישט הונגעריק.
רייזל - טאַטע, איך בין נישט הונגעריק, איך וויל נישט עסן, איך בין אומעטיק !
יאָסל - רייזל, דו ווילסט נישט עסן, איז וואָס ווילסטו ??
רייזל - איך וויל אַ חתן. איך וויל חתונה האָבן !!